**אוּן אַז אַ 'מֶענְטְשׁ' הָאט גֶעדַארְפְט עֶפֶּעס אַ 'עֵצָה', אָדֶער אַ 'מַשָׂא־וּמַתָּן'** [הַאנְדְל] **– אוּן הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אוֹיב עֶר זָאל יָא טָאן, אָדֶער נֵיין – פְלֶעגְט עֶר זִיךְ שְׁטֶעלְן, אַקֶעגְן דֶעם 'אֵבֶר' פוּן דֶעם** [סָארְט] **'אַייזְנְוַוארְג', וָואס סְ'קֶער** [עֶס בַּאלַאנְגְט] **צוּ דֶעם 'חֵלֶק' פוּן דֶער וֶועלְט, וָואס דֶער 'מֶענְטְשׁ'** [וָואס פְרֶעגְט דִי 'עֵצָה'] **אִיז פוּן דָארְט גֶעוֶוען – אוּן דֶער 'מֶענְטְשׁ' הָאט אִינְזִין גֶעהַאט: "אוֹיב עֶר זָאל טָאן דִי זַאךְ וָואס עֶר הָאט בַּאדַארְפְט, אוֹיב נֵיין"!**

**אוּן אַז עֶר הָאט בַּאדַארְפְט יָא צוּ טָאן, פְלֶעגְט לַייכְטְן אוּן שַׁיינֶען דָאס 'אֵבֶר'! – אוּן אַז נִישְׁט, אִיז פִינְסְטֶער גֶעוָוארְן דָאס 'אֵבֶר'!**

(דָאס הָאט אַלְץ דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעטָאן) **– אוּן דוּרְכְדֶעם הָאט עֶר אָפְּגֶענוּמֶען** [אַיינְגֶענוּמֶען] **גָאר דִי** [גַאנְצֶע] **וֶועלְט! – אוּן הָאט אַיינְגֶעזַאמְלְט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט!**

**[ד] נָאר דֶער** [דָאזִיגֶער] **'מֶענְטְשׁ** [צוּזַאמְנְשְׁטֶעל]**' וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט פוּן דִי 'זִיבְּן־עֶרְלֵיי־אַייזְנְוַוארְג' – אִיז נִישְׁט מְסוּגָל גֶעוֶוען צוּ דֶער** [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער] **זַאךְ – נָאר בְּאוֹפָן** [אוּן מִיטְן בַּאדִינְג]**: אַז דֶער 'מֶלֶךְ' זָאל 'מַשְׁפִּיל־גֵאִים' זַיין, אוּן זָאל 'מַגְבִּיהַ־שְׁפָלִים' זַיין!** (דְהַיְינוּ: 'גְרוֹיסֶע־לַייט'

זָאל עֶר אַרָאפְּוַואַרְפְן פוּן זֵייעֶר גְדוּלָה - אוּן 'קְלֵיינֶע־לַייט' זָאל עֶר אוֹיפְהֵייבְּן)!

אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער 'מֶלֶךְ', אוּן הָאט גֶעשִׁיקְט 'אוֹקַאזְן' [בַּאפֶעלְן], נָאךְ אַלֶע 'יֶעדְנִירַאלְן' [גֶענֶערַאלְן], אוּן נָאךְ אַנְדֶערֶע 'שְׂרָרוֹת' [מִינִיסְטָארְן] - וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט 'טְשִׁינֶעס' (דְהַיְינוּ: שְׂרָרָה'שַׁאפְט [אַ 'שְׁטֶעלֶע']) אוּן 'אוֹרְדֶערְס' [בַּאזוּנְדֶערֶע שְׁטֶעלֶעס]!

זֶענֶען זֵיי אַלֶע גֶעקוּמֶען - הָאט עֶר זֵיי מַשְׁפִּיל גֶעוֶוען, אוּן הָאט בַּיי זֵיי אַוֶועקְגֶענוּמֶען זֵייעֶרֶע 'טְשִׁינֶעס' [שְׁטֶעלֶעס] - אֲפִילוּ דִי וָואס הָאבְּן גֶעהַאט 'טְשִׁינֶעס' נָאךְ פוּן זַיין 'עֶלְטֶער־זֵיידְן', וָואס זֵיי הָאבְּן נָאךְ בַּיי אִים פַארְדִינְט [גֶעדִינְט] - הָאט עֶר בַּיי זֵיי אַלֶע, אַוֶועקְגֶענוּמֶען [זֵייעֶרֶע שְׁטֶעלֶעס]!

אוּן 'קְלֵיינֶע־לַייט' - הָאט עֶר אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן, אוּן הָאט זֵיי גֶעמַאכְט [גֶעשְׁטֶעלְט] אוֹיף זֵייעֶר אָרְט (פוּן דִי 'גְרוֹיסֶע־לַייט')!

**[ה]** צְוִוישְׁן דִי 'שָׂרִים' וָואס דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן - אִיז גֶעוֶוען דֶער 'אוֹנֵס' [אָנוּס] הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]!

הָאט אִים דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעפְרֶעגְט: "וָואס אִיז דַיין 'שְׂרָרָה'שַׁאפְט'" [אוּן דַיין 'שְׁטֶעלֶע']?! - הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "מַיין 'שְׂרָרָה'שַׁאפְט' אִיז נָאר, אַז אִיךְ זָאל מֶעגְן זַיין אַ 'יְהוּדִי' בְּפַרְהֶסְיָא - פַאר דֶער 'טוֹבָה' וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטָאן דַיין 'זֵיידְן'"! [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט - פֶּרֶק א אוֹת ב־ג].

הָאט דֶער 'מֶלֶךְ', בַּיי אִים דָאס אַוֶועקְגֶענוּמֶען [פוּן מֶעגְן זַיין אַ אִיד אוּן לֵייגְן טַלִית וּתְפִילִין בְּפַרְהֶסְיָא]! - אִיז עֶר וִוידֶער גֶעוָוארְן אַ 'אוֹנֵס' [אָנוּס]!

## [פֶּרֶק ג] 'שׁוֹר וָשֶׂה' לַאכְן פוּן אִים / דֶער 'אַייזֶערְנֶער רוּט' / דֶער 'פֵייעֶר' / דֶער 'מֶלֶךְ' וֶוערְט פַארְשְׁנִיטְן דוּרְךְ 'שׁוֹר וָשֶׂה'

**[א]** אַמָאל הָאט זִיךְ דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן - הָאט עֶר גֶעזֶעהְן אִין 'חָלוֹם': "וִוי דֶער 'הִימְל' אִיז לוֹיטֶער"! - אוּן הָאט גֶעזֶעהְן: "אַלֶע 'צְוֶועלְף־מַזָלוֹת'"!

(דְהַיְינוּ: דִי 'שְׁטֶערְן אִין הִימְל' זֶענֶען גֶעטֵיילְט אוֹיף 'צְוֶועלְף־חֲלָקִים', אַקֶעגְן 'צְוֶועלְף־חֳדָשִׁים'! - אֵיין חֵלֶק 'שְׁטֶערְן', אִיז אַזוֹי־וִוי אַ 'לֶעמֶעלֶע', דָאס אִיז דָאס 'מַזָל פוּן נִיסָן'! - אוּן דָאס 'מַזָל פוּן אִיָיר', וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'שׁוֹר', דְהַיְינוּ: אַ 'אָקְס'! - אוּן אַזוֹי אִיטְלֶעכֶער 'חוֹדֶשׁ', הָאט זַיין 'מַזָל')!

אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן: "אַז 'שׁוֹר־וָשֶׂה' (דְהַיְינוּ אַ 'אָקְס', אוּן אַ 'לֶעמֶעלֶע') וָואס סְ'פַארְהַאנְדְן צְוִוישְׁן דִי 'מַזָלוֹת' - לַאכְן זֵיי אוֹיס אִים [אִים אוֹיס]"!

*

הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט מִיט 'גְרוֹיס כַּעַס' - אוּן אִיז זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן גֶעוָוארְן!

הָאט עֶר גֶעהֵייסְן: "בְּרֶענְגֶען דֶעם 'סֵפֶר־הַזִכְרוֹנוֹת' (דְהַיְינוּ: דָאס 'סֵפֶר' וָואס דָארְט אִיז אַלְץ פַארְשְׁרִיבְּן)"! - הָאט עֶר גֶעזֶעהְן, אַז סְ'שְׁטֵייט דָארְט פַארְשְׁרִיבְּן: "אַז דוּרְךְ 'שׁוֹר־וָשֶׂה', וֶועט זַיין 'זֶרַע' פַארְשְׁנִיטְן וֶוערְן"!

אִיז אוֹיף אִים גֶעפַאלְן, 'זֵייעֶר־אַ־גְרוֹיסֶער פַּחַד'! - אוּן עֶר הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט [פַאר] דֶער 'מַלְכָּה' - אִיז אוֹיף 'אִיר' אוּן אוֹיף דִי 'קִינְדֶער', אוֹיךְ גֶעפַאלְן אַ גְרוֹיסֶער 'פַּחַד'! - אוּן סְ'הָאט אִים זֵייעֶר גֶעקְלַאפֶּערְט דָאס 'הַאַרְץ'!

אוּן עֶר הָאט גֶערוּפְן אַלֶע 'פּוֹתְרֵי־חֲלוֹמוֹת' (דְהַיְינוּ: דִי וָואס קֶענֶען בַּאשֵׁיידְן [אַ 'חָלוֹם'])! - אוּן אִיטְלֶעכֶער הָאט זִיךְ [אַלֵיינְס] פּוֹתֵר גֶעוֶוען! - אוּן עֶס אִיז אִים אָבֶּער גָארְנִישְׁט אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען [זֵייעֶר שְׁטִימֶע] אִין דִי 'אוֹיעֶרְן'! - אוּן עֶס אִיז אוֹיף אִים גֶעפַאלְן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער 'פַּחַד'!

**[ב]** אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ 'חָכָם', אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט: "בַּאֲשֶׁר [אַז] עֶר הָאט [אַ] 'קַבָּלָה' פוּן זַיין 'פָאטֶער': בַּאֲשֶׁר [אַז] סְ'פַארְהַאנְדְן 'שְׁסָ"ה מִינֵי תַהֲלוּכוֹת־הַשֶׁמֶשׁ' (דְהַיְינוּ: דְרֵיי הוּנְדֶערְט מִיט פִינֶעף אוּן זֶעכְצִיג 'גֶענְג', הָאט דִי זוּן) - אוּן סְ'פַארְהַאנְדְן אֵיין אָרְט, וָואס אַלֶע דְרֵיי הוּנְדֶערְט אוּן פִינֶעף אוּן זֶעכְצִיג 'גֶענְג' פוּן דֶער זוּן, לַייכְטְן אוֹיף דֶעם אָרְט - אוּן דָארְט וַואקְסְט אַ 'אַייזֶערְנֶע־רוּט' [שְׁטֶעקְן] - אוּן וֶוער עֶס הָאט אַ 'פַּחַד', אַז [וֶוען] עֶר קוּמְט צוּ דֶער 'רוּט', וֶוערְט עֶר נִיצוֹל פוּן דֶעם 'פַּחַד'"!

(אוּן אַזוֹי [וִוי יֶעצְט דֶערְמַאנְט] - הָאט דֶער 'חָכָם' גֶעזָאגְט [צוּ] דֶעם 'מֶלֶךְ').

אִיז דָאס דֶעם 'מֶלֶךְ' וואוֹיל־גֶעפֶעלְן! - אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט זַיין 'וַוייבּ' אוּן 'קִינְדֶער' אוּן מִיט גָאר זַיין 'זֶרַע', צוּ דֶעם 'אָרְט'! [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן] - אוּן דֶער 'חָכָם', [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער] אִיז אוֹיךְ מִיט זֵיי גֶעגַאנְגֶען!

אוּן אִינְמִיטְן וֶועג, שְׁטֵייט אַ 'מַלְאָךְ', [וָואס] דֶער 'מַלְאָךְ' [דָאזִיגֶער] אִיז אַ 'מְמוּנֶה' [אוֹיפְזֶעהְער] אוֹיף 'כַּעַס'! - וָוארְן דוּרְךְ 'כַּעַס', בַּאשַׁאפְט מֶען אַ 'מַלְאָךְ־הַמַשְׁחִית'! (דְהַיְינוּ: אַ 'מַלְאָךְ' וָואס עֶר אִיז מַזִיק אוּן פַארְדַארְבְּט)! - אוּן דֶער 'מַלְאָךְ' [דָאזִיגֶער אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער], אִיז אַ 'מְמוּנֶה' אִיבֶּער אַלֶע 'מַשְׁחִיתִים'!

אוּן [פוּן] דֶעם 'מַלְאָךְ' [דָאזִיגְן], פְרֶעגְט מֶען דֶעם 'וֶועג'! - וָוארְן "סְ'פַארְהַאנְדְן אַ 'גוּטֶער־וֶועג' פַאר מֶענְטְשְׁן" (מִשְׁלֵי יד, יב; טז, כה)! - אוּן סְ'פַארְהַאנְדְן אַ 'וֶועג', וָואס עֶר אִיז פוּל מִיט 'לֵיים'! - אוּן סְ'פַארְהַאנְדְן אַ 'וֶועג', וָואס

ער איז פול מיט 'גְריבֶּער'! – און אַזוֹי איז פַארְהַאנְדְן כַּמָּה 'וֶועגְן'!

און ס'פַארְהַאנְדְן אַ 'וֶועג', וָואס דָארְט איז פַארְהַאנְדְן אַ 'פַייעֶר' – וָואס פִיר מַייל פוּן דֶעם [דָאזִיגְן] 'פַייעֶר', וֶוערְט מֶען פַארְבְּרֶענְט!

(הָאבְּן זֵיי גֶעפְּרֶעגְט דֶעם 'וֶועג' [פוּן] 'דֶעם [דָאזִיגְן] מַלְאָךְ' – הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט דֶעם [דָאזִיגְן] 'וֶועג' וָואס דָארְט איז דָאס 'פַייעֶר')!

זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען! (דְהַיְינוּ: דֶער 'מֶלֶךְ' מִיט אַלֶע זַיין 'זֶרַע', מִיט דֶעם 'חָכָם').

און דֶער 'חָכָם' הָאט אַלְץ גֶעקוּקְט פַאר זִיךְ אַלְעמָאל: "אוֹיבּ סֶע [ס'איז] דָארְט דָא דָאס 'פַייעֶר'"?! – וָוארְן עֶר הָאט גֶעהַאט אַ 'קַבָּלָה' פוּן זַיין 'פָאטֶער': "אַז ס'אִיז דָארְט פַארְהַאנְדְן דָאס 'פַייעֶר'" [ווי אויבְּנְדֶערְמַאנְט]!

דֶערְוַוייל [אִינְצְווִישְׁן ווי זֵיי גֵייעְן] הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן דָאס 'פַייעֶר' – און הָאט גֶעזֶעהְן: "אַז ס'אִיז דָארְט אוּמְגֶעגַאנְגֶען [אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען] אִין דֶעם 'פַייעֶר', 'מְלָכִים' און 'יְהוּדִים', אָנְגֶעטָאן אִין 'טַלִּית און תְּפִילִּין'"!

[און דָאס אִיז גֶעוֶוען: צוּלִיבּ ווייל בַּיי דִי 'דָאזִיגֶע מְלָכִים', זֶענֶען גֶעזֶעצְן 'יְהוּדִים' אִין זֵייעֶרֶע מְדִינוֹת – דֶערִיבֶּער הָאבְּן זֵיי גֶעקֶענְט גֵיין אִינֶעם 'פַייעֶר'].

הָאט דֶער 'חָכָם' גֶעזָאגְט צוּם 'מֶלֶךְ': "אִיךְ הָאבּ אַ 'קַבָּלָה': אַז פִיר מַייל פוּן דֶעם 'פַייעֶר', וֶוערְט מֶען פַארְבְּרֶענְט! – אִיבֶּער דֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] ווייל אִיךְ נִישְׁט גֵיין וַוייטֶער – דוּ, אַז דוּ ווילְסְט, גֵיי"!

און דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט זִיךְ גֶעטְרַאכְט: "ווייל עֶר הָאט גֶעזֶעהְן: אַז 'אַנְדֶערֶע מְלָכִים' גֵייעְן דָארְט אוּם [אַרוּם] אִין דֶעם 'פַייעֶר' – [דֶערִיבֶּער] וֶועט עֶר אוֹיךְ קֶענֶען גֵיין דָארְט"!

הָאט זִיךְ דֶער 'חָכָם' אָנְגֶערוּפְן: "אִיךְ הָאבּ אַ 'קַבָּלָה' פוּן מַיין 'טַאטְן' [ווי אויבְּנְדֶערְמַאנְט], אִיבֶּערְדֶעם ווייל אִיךְ נִישְׁט גֵיין! – דוּ, אַז דוּ ווילְסְט, גֵיי דִיר"!

אִיז דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעגַאנְגֶען, מִיט גָאר זַיין 'זֶרַע' – הָאט זֵיי גֶעכַאפְּט [גֶעוועלְטִיגְט] דָאס 'פַייעֶר', און 'עֶר' אִיז פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן מִיט 'גָאר זַיין [גַאנְצֶע] זֶרַע'! – און זֵיי זֶענֶען אַלֶע אוֹיסְגֶערִיסְן גֶעוָוארְן!

[ג] ווי דֶער 'חָכָם' אִיז גֶעקוּמֶען אַהֵיים – אִיז גֶעוֶוען אַ וואוּנְדֶער בַּיי דִי 'שָׂרִים': "וָואס [פַארְוָואס] דֶער 'מֶלֶךְ' אִיז פַארְשְׁנִיטְן גֶעוָוארְן מִיט זַיין 'זֶרַע'? – עֶר הָאט דָאךְ זִיךְ גֶעהִיט פוּן אַ 'שׁוֹר-וָשֶׂה'? – פוּן וואנֶען אִיז דָאס גֶעקוּמֶען, וָואס זַיין 'זֶרַע' אִיז פַארְשְׁנִיטְן גֶעוָוארְן מִיט אִים"?!

הָאט זִיךְ דֶער 'אוֹנֵס' [אָנוּס] אָנְגֶערוּפְן: "דוּרְךְ מִיר אִיז עֶר פַארְשְׁנִיטְן גֶעוָוארְן"!

וָוארְן דִי 'שְׁטֶערְנְזֶעהֶער' הָאבְּן גֶעזֶעהְן: "(אַז דוּרְךְ אַ 'אָקְס' און אַ 'לֶעמֶעלֶע', וֶועט זַיין 'זֶרַע' אוֹיסְגֶערִיסְן וֶוערְן)" – און [זֵיי] הָאבְּן נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס זֵיי זֶעהְן – וָוארְן אַ 'אָקְס', מַאכְט מֶען פוּן זַיין 'פֶעל', 'תְּפִילִּין'; און אַ 'לֶעמֶעלֶע', מַאכְט מֶען פוּן דֶער 'וָואל' [זַיינֶע], 'צִיצִית' צוּם 'טַלִּית' – און דוּרְךְ זֵיי ['תְּפִילִּין' און 'צִיצִית'] אִיז דֶער 'מֶלֶךְ' אוֹיסְגֶערִיסְן גֶעוָוארְן מִיט זַיין 'זֶרַע'!

וָוארְן דִי 'מְלָכִים', וָואס 'יְהוּדִים' הָאבְּן אִין זֵייעֶר מְדִינָה יָא גֶעוואוֹינְט, וָואס זֵיי גֵייעְן אָנְגֶעטָאן אִין 'טַלִּית און תְּפִילִּין' – אִיבֶּערְדֶעם הָאבְּן דִי [דָאזִיגֶע] 'מְלָכִים', יָא גֶעקֶענְט גֵיין אִין דֶעם 'פַייעֶר', און ס'הָאט זֵיי גָאר נִישְׁט גֶעשַׁאט!

אָבֶּער דֶער '[דָאזִיגֶער] מֶלֶךְ' [אִיז פַארְשְׁנִיטְן גֶעוָוארְן] – וַוייל [ווייבַּאלְד] קַיין 'יְהוּדִים' וָואס גֵייעְן אִין 'טַלִּית און תְּפִילִּין', הָאבְּן נִישְׁט גֶעטָארְט זִיצְן אִין זַיין 'מְדִינָה' – אִיבֶּערְדֶעם אִיז עֶר אוֹיסְגֶערִיסְן גֶעוָוארְן מִיט זַיין 'זֶרַע'!

און דָאס הָאבְּן דִי 'שׁוֹר-וָשֶׂה' פוּן דִי 'מַזָּלוֹת', גֶעלַאכְט אוֹיס [פוּן] אִים [אִים אוֹיסְגֶעלַאכְט] – וָוארְן דִי 'שְׁטֶערְנְזֶעהֶער' הָאבְּן גֶעזֶעהְן: "אַז דוּרְךְ 'שׁוֹר-וָשֶׂה', וֶועט זַיין 'זֶרַע' פַארְשְׁנִיטְן וֶוערְן"! – זֵיי הָאבְּן אָבֶּער נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן! – אִיז דֶער 'מֶלֶךְ' פַארְשְׁנִיטְן גֶעוָוארְן מִיט זַיין 'זֶרַע', אָמֵן, כֵּן יֹאבְדוּ כָל אוֹיְבֶיךָ ה'"!

## [פֶּרֶק ד] 'רְמָזִים' אוֹיף דִי מַעֲשֶׂה פוּן רַבֵּנוּ זַ"ל – אִין תְּהִלִּים קַאפִּיטְל ב

[אִינֶעם 'דָאזִיגְן פֶּרֶק', אִיז פַארְהַאן אַסַאךְ 'רְמָזִים' וָואס שְׁטֵייט נָאר בַּיי דִי 'לְשׁוֹן-הַקּוֹדֶשׁ'דִיגֶע חֵלֶק – און מִיר הָאבְּן דָאס אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט אִין אִידִישׁ].

[א] "לָמָּה רָגְשׁוּ גוֹיִם" (פָּסוּק א). "פַארְוָואס רוֹישְׁן דִי פֶעלְקֶער (קֶעגְן מָשִׁיחַ)]"!

[דָאס אִיז מְרֻמָּז: אַז זֵיי זֶענֶען גוֹזֵר 'שְׁמָד', ווי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט פֶּרֶק א אוֹת א; און זֵיי לָאזְן נִישְׁט מְקַיֵּים זַיין דִי תּוֹרָה וּמִצְוֹות בְּפַרְהֶסְיָא – ווי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט, פֶּרֶק ב אוֹת ה]!

[ב] "תְּרֹעֵם בְּשֵׁבֶט בַּרְזֶל" (פָּסוּק ט). "צוּבְּרֶעךְ דַיינֶע פַיינְט מִיט אַ 'אַייזֶערְנֶע-רוּט'"!

[דָא אִיז מְרוּמָּז: דִי 'אַייזֶערְנֶע-רוּט'! [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט, פֶּרֶק ג אוֹת ב].

[ג] "פֶּן יֶאֱנַף, וְתֹאבְדוּ דֶרֶךְ; כִּי יִבְעַר" וְכוּ' (פָּסוּק יב). "טָאמֶער וֶועט הַשֵּׁם-יִתְבָּרַךְ צֶערְעֶנֶען, און אִיר וֶועט פַארְלִירְן דֶעם 'וֶועג' (זִיךְ צוּ רַאטֶעוֶוען); וֶוען עֶס וֶועט אַבִּיסְל בְּרֶענֶען זַיין 'צָארְן'"!

[דָאס אִיז מְרַמֵז: אוֹיפְן אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן ׳כַּעַס׳ פוּנֶעם ׳מֶלֶךְ׳, פֶּרֶק ג אוֹת א; אוּן אוֹיפְן ׳מַלְאָךְ׳ וָואס אִיז מְמוּנֶה אוֹיף ׳כַּעַס׳, וָואס עֶר וֶוערְט בַּאשַׁאפְן דוּרְכְן ׳כַּעַס׳, וְוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט פֶּרֶק ג אוֹת ב! - וָואס פוּנֶעם ׳דָאזִיגְן מַלְאָךְ׳ פְרֶעגְט מֶען דֶעם ׳וֶועג׳ וואוּ צוּ גֵיין! - (אוּן דוּרְךְ ׳כַּעַס׳, קֶען מֶען פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן דוּרְכְן ׳פַייעֶר׳ וָואס גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט אוֹיפְן ׳דָאזִיגְן וֶועג׳, וְוי בַּיים ׳אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן קֶענִיג׳, פֶּרֶק ג אוֹת ב)]!

*

[אוּן דִי דָאזִיגֶע רֵייד - זֶענֶען זֵייעֶר ׳הוֹיךְ׳ אוּן ׳פַארְהוֹילְן׳]!

[דָאס אַלֶעס (בִּיז אַהֶער) - הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט (פוּן רַבֵּינוּ זַ״ל)]!

**[ד]** [נָאךְ אַבִּיסְל ׳רְמָזִים׳ (וִוינְקְן) - הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן (פוּן רַבֵּינוּ זַ״ל), פוּנֶעם ׳דָאזִיגְן מַעֲשֶׂה - אִינֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן קַאפִּיטְל (תְּהִלִּים פֶּרֶק ב)]!

**״נְנַתְּקָה אֶת מוֹסְרוֹתֵימוֹ, וְנַשְׁלִיכָה מִמֶּנּוּ עֲבֹתֵימוֹ״** (פָּסוּק ג) **״**(דִי ׳פֶעלְקֶער׳ זָאגְן)**: לָאמִיר אָפְּרַייסְן זַיינֶע ׳שְׁטְרִיקְן׳** (פוּן מָשִׁיחַ׳ס הֶערְשַׁאפְט)**, אוּן לָאמִיר אַרָאפְּוַוארְפְן פוּן אוּנְז זַיינֶע ׳דִיקֶע שְׁטְרִיקְן׳״!**

[דָאס אִיז (מְרַמֵז אוֹיף דִי ׳שְׁטְרִיקְן׳, ׳פֶעדִימֶער׳ אוּן ׳רְצוּעוֹת׳, פוּן דִי) ׳צִיצִית׳ אוּן ׳תְּפִלִּין׳! - [וָואס דֶער ׳מֶלֶךְ׳ הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט פַארְן ׳אָנוּס׳, גֵיין מִיט ׳טַלִית וּתְפִלִּין׳ בְּפַרְהֶסְיָא - וְוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט, פֶּרֶק ב אוֹת ה].

[״מוֹסֵרוֹת־שְׁטְרִיקְן״ - זֶענֶען גֶעמַאכְט פוּן ׳פֶעל־לֶעדֶער׳ - דָאס אִיז דִי בְּחִינָה פוּן (דִי ׳רְצוּעוֹת׳ פוּן דִי) ׳תְּפִלִּין׳.

״עֲבוֹת; גְרָאבֶּע־שְׁטְרִיק״ - דָאס זֶענֶען ׳חֲבָלִים׳ - דִי בְּחִינָה פוּן (דִי ׳פֶעדִימֶער׳ פוּן דִי) ׳צִיצִית׳.

אַזוֹי־וְוי חֲזַ״ל דַרְשְׁנֶ׳ען דֶעם ׳דָאזִיגְן פָּסוּק׳, אִין מַסֶּכֶת עֲבוֹדָה־זָרָה (דַף ג:)]: ״אוֹיף דִי ׳צִיצִית׳ אוּן דִי ׳תְּפִלִּין׳״]!

**[ה] ״יוֹשֵׁב בַּשָּׁמַיִם יִשְׂחָק״** (פָּסוּק ד)**. ״דֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס זִיצְט אִין הִימְל, וֶועט לַאכְן פוּן זֵייעֶרֶע רֵייד״!**

[וַוייל דִי ׳שׁוֹר וָשֶׂה׳ (דִי ׳אָקְס׳ אוּן דִי ׳לֶעמֶעלֶע׳ וָואס סְ׳פַארְהַאנְדְן צְוִוישְׁן דִי ׳מַזָלוֹת׳) אִין הִימְל - הָאבְּן אִים אוֹיסְגֶעלַאכְט - כַּנַ״ל פֶּרֶק ג אוֹת א]!

**[ו] ״אָז יְדַבֵּר אֵלֵימוֹ בְאַפּוֹ, וּבַחֲרוֹנוֹ יְבַהֲלֵמוֹ״** (פָּסוּק ה)**. ״דֶעמָאלְס** (וֶוען הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ וֶועט הֶערְן זֵייעֶרֶע רֵייד)**, וֶועט עֶר רֶעדְן צוּ זֵיי מִיט זַיין צָארְן; אוּן מִיט זַיין כַּעַס, וֶועט עֶר זֵיי דֶערְשְׁרֶעקְן״!**

[(דָאס אִיז מְרַמֵז אוֹיף דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן): ׳כַּעַס׳ אוּן ׳בֶּהָלָה׳ אוּן ׳פַּחַד׳ (וָואס דֶער קֶענִיג הָאט זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן פוּנֶעם חָלוֹם) - פֶּרֶק ג אוֹת א]!

**[ז] ״וַאֲנִי נָסַכְתִּי מַלְכִּי עַל צִיּוֹן הַר קָדְשִׁי״** (פָּסוּק ו)**. ״אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזַאלְבְּט מַיין קֶענִיג ׳דָוִד־הַמֶלֶךְ׳, אוֹיף ׳צִיּוֹן, מַיין הֵיילִיגְן בַּארְג׳״!**

[אֶפְשַׁר אִיז דָאס מְרַמֵז: אַז דָאס ׳מֶענְטְשׁ־צוּזַאמְנְשְׁטֶעל׳ וָואס דֶער ׳אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער קֶענִיג׳ הָאט אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף אַ ׳הוֹיכְן־בַּארְג׳, וְוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט פֶּרֶק ב אוֹת ג - אִיז דָאס גֶעוֶוען (אוֹיסְגֶערֶעכְנְט) ״זֶה לְעֻמַּת זֶה״ (קֹהֶלֶת ז, יד), ״אֵיינְס קֶעגְן דֶעם אַנְדֶערְן״ (׳סִטְרָא־אַחֲרָא׳ קֶעגְן דִי ׳קְדוּשָּׁה׳) - וַוייל דָאס אִיז קֶעגְן דֶעם ׳מֶלֶךְ׳ (דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כִּבְיָכוֹל) וָואס גֶעפִינְט זִיךְ [עֶר רוּהְט] אוֹיף ׳צִיּוֹן, דֶעם הֵיילִיגְן בַּארְג׳!

**וַוייל דָארְט אִין ׳צִיּוֹן, דֶעם הֵיילִיגְן בַּארְג׳ - וֶוערְן נִכְלַל אַלֶע טֵיילְן פוּן דִי וֶועלְט!** (וְוי בַּאוואוּסְט; זֶעה יוֹמָא נד:).

**אוּן דָאס מֵיינְט דֶער פָּסוּק: ״הַר״, ״אוֹיפְן בַּארְג״ - וְוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]!**

**״נָסַכְתִּי״, ״אִיךְ הָאבּ גֶעזַאלְבְּט״ - דָאס אִיז דֶער זֶעלְבֶּער לָשׁוֹן פוּנֶעם פָּסוּק** (בְּרֵאשִׁית לה, יד)**: ״וַיַּסֵּךְ, וַיִּצֹק״; ״יַעֲקֹב־אָבִינוּ הָאט גֶעגָאסְן וַויין אוֹיפְן מִזְבֵּחַ; אוּן עֶר הָאט גֶעגָאסְן אוֹיל״.**

[דָאס אִיז מְרַמֵז אוֹיפְן ׳מֶענְטְשְׁן־צוּזַאמְנְשְׁטֶעל׳ וָואס דֶער ׳מֶלֶךְ׳ הָאט צוּזַאמְגֶעגָאסְן־צוּזַאמְגֶעשְׁמָאלְצְן פוּן דִי ׳זִיבְּן־עֶרְלֵיי־אַייזְנְוַוארְג׳]!

**[ח] ״שְׁאַל מִמֶּנִּי** [וְאֶתְּנָה]**״** (פָּסוּק ח)**. ״בֶּעט פוּן מִיר, אוּן אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבְּן״!**

(דָא אִיז מְרוּמָז)**: אַלֶע ׳עֵצוֹת׳** [וָואס וֶוער סְ׳דַארְף אַ ׳עֵצָה׳, גֵייט עֶר צוּם ׳מֶענְטְשׁ־צוּזַאמְנְשְׁטֶעל׳]**, כַּנַ״ל** [פֶּרֶק ב אוֹת ג]**!**

(אֶפְשַׁר אִיז דָא אוֹיךְ מְרוּמָז: וָואס דֶער ׳מֶלֶךְ׳ פְרֶעגְט פוּנֶעם ׳אָנוּס׳: ״בֶּעט פוּן מִיר וָואס דוּ ווִילְסְט, וֶועל אִיךְ דִיר דָאס גֶעבְּן״ - וְוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט, פֶּרֶק א אוֹת ג).

**[ט] ״**(וְאֶתְּנָה) **גוֹיִם נַחֲלָתֶךָ, וַאֲחֻזָּתְךָ אַפְסֵי אָרֶץ״** (שָׁם)**. ״**(אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבְּן) **דִי ׳גוֹיִם׳ אַלְץ דַיין אַרְבְּטֵייל; אוּן דַיין אַרְבְּטֵייל וֶועט אָנְקוּמֶען בִּיז דִי עֶקְן פוּן דִי עֶרְד״!**

[(דָא אִיז מְרוּמָז): אַז ״אַלֶע עֶקְן פוּן דִי עֶרְד״ וֶועלְן זַיין צוּזַאמֶען! - דָאס הֵייסְט: אַז אַלֶע ׳זִיבְּן־חֲלָקִים׳ וָואס זֶענֶען פַארְהַאנְדְן אִין דֶער וֶועלְט (וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט פֶּרֶק ב אוֹת ג), אוּן אַלֶע ׳קֶענִיגְרַייכְן׳, אוּן אַלֶע ׳פֶעלְקֶער׳ - וֶועלְן זַיין פַאר אַ ׳נַחֲלָה־אַרְבְּטֵייל׳ אוּנְטֶער אִים (מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ)!

(דָאס אִיז מְרַמֵז: אוֹיף דֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן ׳מֶענְטְשׁ־צוּזַאמְנְשְׁטֶעל׳, פֶּרֶק ב אוֹת ג - וָואס אַלֶעס אִיז נִכְלַל אִין אִים; אוּן פוּן אִים פְרֶעגְט מֶען ׳עֵצוֹת׳! - דָאס אִיז קֶעגְן דֶעם ׳אֶמֶתְ׳ן צַדִיק׳, דִי בְּחִינָה פוּן ׳מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ׳, וָואס פוּן אִים פְרֶעגְט מֶען אַלֶע עֵצוֹת! - זֶעה אִין ׳לִקוּטֵי־הֲלָכוֹת, הֶכְשֵׁר־כֵּלִים ב, ה)]!

**[י] ״עִבְדוּ״** (פָּסוּק יא)**. ״דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן״! -** [דָאס אִיז מְרַמֵז: אוֹיף (דִי ׳עֲבוֹדַת־הַשֵּׁם׳ פוּן מִצְוַת) ׳צִיצִית׳].

**״בְּיִרְאָה״** (שָׁם)**. ״מִיט ׳פָארְכְטִיגְקֵייט״! -** [דָאס אִיז (מְרַמֵז אוֹיף מִצְוַת) ׳תְּפִלִּין׳ (דִי בְּחִינָה פוּן ׳יִרְאָה׳, וְוי סְ׳שְׁטֵייט אִין גְמָרָא בְּרָכוֹת ו. סוֹטָה יז. חוּלִין פט.)].

**״וְגִילוּ בִּרְעָדָה״** (שָׁם)**. ״אוּן פְרֵייט אַייךְ מִיט דֶעם ׳צִיטֶערְנִישׁ׳** (וָואס וֶועט פַאלְן אוֹיף דִי גוֹיִם)**״! -** [(דָא אִיז מְרוּמָז): דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן ׳צִיטֶערְנִישׁ׳ [דֶער ׳פַּחַד׳ וָואס אִיז אַרוֹיפְגֶעפַאלְן אוֹיפְן ׳מֶלֶךְ׳, פֶּרֶק ג אוֹת א־ב).

*

**[יא] דִי ׳**[דָאזִיגֶע] **גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה׳ - אִיז מְרוּמָז אִין דֶעם ׳**[דָאזִיגְן] **קַאפִּיטְל׳** (תְּהִלִּים ב)**!**

**אַז וואוֹיל** [אִיז] **דֶעם, וָואס עֶר וֶועט עֶפֶּעס וִויסְן אִין דִי ׳מַעֲשִׂיוֹת׳, וָואס זֶענֶען דוּרְךְ** [לוֹיטֶער] **גְרוֹיסֶע ׳סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה׳!**

בס"ד

# דעם רבינ'ס מעשיות



שם ____________________

טלפון ____________________

עיר ____________________

# מבחן בסיפורי מעשיות

## מַעֲשֶׂה ד' - מִמֶּלֶךְ שֶׁגָּזַר שְׁמָד

**א. מה גזר המלך על המדינה?**
- ❑ לגרש את כל היהודים
- ❑ להרוג את כל היהודים
- ❑ לגרש את מי שלא ימיר דתו

**ב. מה עשו היהודים במדינה?**
- ❑ קצת מהם הפקירו כל רכושם ויצאו משם
- ❑ קצת מהם נשארו שם והיו אנוסים
- ❑ שתי התשובות נכונות

**ג. מי גילה לבן של המלך שנתקשרו נגדו להכרית זרעו?**
- ❑ גוי שהוא אחד מהשרים
- ❑ יהודי אנוס
- ❑ יהודי אנוס שהיה אחד מהשרים

**ד. איזה כבוד נתן המלך לשר האנוס?**
- ❑ עשה אותו שר
- ❑ נתן לו הרבה מעות
- ❑ שיהיה רשאי להיות יהודי בפרהסיא

**ה. ממה אמרו חוזי הכוכבים למלך שישמור שלא יכרת זרעו?**
- ❑ שישמור עצמו מלהנהיג את המדינה ביד רמה
- ❑ שישמור עצמו מפרה וסוס
- ❑ שישמור עצמו משור ושה

**ו. שאלה זכות: איזה חכמה נפל על המלך?**
- ❑ שלא ימצא במדינתו שור ושה
- ❑ לכבוש כל העולם ללא מלחמה
- ❑ שתי התשובות נכונות

**ז. מה היה למלך ע"י דמות האדם שהעמיד אותו על הר גבוה?**
- ❑ היה כובש כל העולם
- ❑ אסף ממון רב
- ❑ שתי התשובות נכונות

**ח. מה היה התנאי שדמות האדם יהיה מסוגל למה שמסוגל?**
- ❑ שיהיה המלך משפיל גאים
- ❑ שיהיה המלך מגביה שפלים
- ❑ שתי התשובות נכונות

**ט. מה עשה המלך הנ"ל ליהודי שהיה יהודי בפרהסיא?**
- ❑ עשה אותו לשר גדול מאוד
- ❑ הכניס אותו לבית הסוהר
- ❑ לקח מאתו זאת, וחזר להיות יהודי אנוס

**י. מה ראה המלך בחלום?**
- ❑ פרה וסוס שיש בין המזלות משחקים ממנו
- ❑ שהשרים שלו משחקים ממנו
- ❑ ששור ושה שיש בין המזלות משחקים ממנו

**יא. עם מי הלך המלך לאותו מקום?**
- ❑ עם אשתו ובניו
- ❑ עם אשתו ובניו וכל זרעו
- ❑ עם אשתו ובניו וכל זרעו והחכם

**יב. על מה ממונה המלאך שעומד באמצע הדרך?**
- ❑ על כעס
- ❑ על גאוה
- ❑ על שקר

**יג. באיזה דרך אמר המלאך שהוא ממונה על הכעס שילכו?**
- ❑ לדרך שהוא מלא טיט
- ❑ לדרך שהוא מלא פחתים ובורות
- ❑ לדרך שיש שם אש שד' פרסאות מהאש נשרפין

**יד. את מי ראו הולכים בדרך שהלכו?**
- ❑ מלכים ויהודים מעוטפים בטלית ותפילין
- ❑ מלכים ושרים
- ❑ מלכים ויהודים אנוסים

**טו. מי המשיך ללכת אחרי שראו את הנ"ל?**
- ❑ המלך ואשתו וכל זרעו והחכם
- ❑ המלך לבדו
- ❑ המלך ואשתו וכל זרעו

**טז. מי נשרף באש?**
- ❑ המלך ואשתו וכל זרעו והחכם
- ❑ המלך לבדו
- ❑ המלך ואשתו וכל זרעו

**יז. ע"י מה באמת נכרת זרעו של המלך?**
- ❑ ע"י שלא שמר עצמו משור ושה
- ❑ ע"י שלא הנהיג המדינה ביד רמה
- ❑ ע"י שלא נתן ליהודים להניח טלית ותפילין בפרהסיא

**יח. באיזה קאפיטל מרומז המעשה ?**
- ❑ קאפיטל ב' בתהלים
- ❑ קאפיטל ג' בישעי'
- ❑ קאפיטל נ' בתהלים

**עקר כבודי, שאהיה רשאי להיות יהודי בפרהסיא - בהצלחה גדולה**

ספורי מעשיות שסיפר רבינו הקדוש הם קודש קדשים וכונתו ז"ל הייתה כדי לעורר אותנו משנתינו הרוחנית, וללמד אותנו דעת ודרך ישרה לעבודת השם יתברך בהתעוררות הלב, כמו שאמר רבינו: ש"ספורי מעשיות שלו מסוגלים לעורר מהשינה", ולמען דעת אשר בכל תיבה ותיבה מאלו המעשיות טמונים סודות התורה טמירים ונעלמים, כנשמע מפיו הקדוש בעצמו, ואפילו איש פשוט אשר יקרא אותם יכול להוציא לעצמו מוסר והתעוררות להשם יתברך

להיכנס להגרלה ניתן לשלוח תשובות לפקס 15326519611 או ל: L3233287@gmail.com

בס"ד

# דעם רבינ'ס מעשיות



נאמען ____________________

טעלעפון ____________________

שטאט ____________________

## בחינה אויף סיפורי מעשיות
## די פערטע מעשה - דער מלך שגזר שמד

**א. וואס האט דער מלך גוזר געווען אויף דער מדינה?**
- ❑ צו פארטרייבן אלע אידן פון דער מדינה
- ❑ צו הרג'ענען אלע אידן פון דער מדינה
- ❑ אז ווער עס וויל בלייבן אין דער מדינה מוז זיך שמד'ן

**ב. וואס האבן די אידן געטון?**
- ❑ א טייל האבן מפקיר געווען זייער גאנצער פארמעגן, און זענען ארויס פון דארטן
- ❑ א טייל זענען געבליבן און זיך געפירט ווי אידן באהאלטענערהייט
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ג. ווער האט אויסגעזאגט פאר דעם מלך אז מען וויל אים הרג'ענען?**
- ❑ א גוי, איינער פון די שרים
- ❑ א איד איינער פון די אנוסים
- ❑ א איד א שר איינער פון די אנוסים

**ד. וועלכע כבוד האט מען געגעבן פאר דער וואס האט אויסגעזאגט?**
- ❑ מען האט אים געמאכט פאר א שר
- ❑ מען האט אים געגעבן געלט
- ❑ אז ער זאל מעגן לייגן טלית און תפילין בפרהסיא

**ה. די שטערן זעערס האבן געזאגט פאר'ן מלך זיך צו אפהיטן פון?**
- ❑ פירן די מלכות שארף
- ❑ פון א קו און א אקס
- ❑ פון א אקס און א לעמעלע

**ו. שאלה זכות: דער מלך איז געפאלן אויף א חכמה אז?**
- ❑ אז עס זאל זיך נישט געפונען אין זיין מדינה קיין אקס און קיין שאף
- ❑ ער זאל קענען אפנעמען די וועלט אן קיין מלחמה
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז. וואס האט דער מלך געהאט פון דעם וואס ער האט געמאכט די מענטש פון אייזן?**
- ❑ ער האט איינגענומען די וועלט
- ❑ ער האט איינגעזאמלט אסאך געלט
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ח. וואס האט דער מלך געטון ?**
- ❑ משפיל געווען אלע שרים
- ❑ געמאכט פשוטע מענטשן פאר שרים
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ט. וואס האט דער מלך געטון צו דעם איד וואס האט געמעגט זיין א איד בפרהסיא?**
- ❑ ער האט אים געמאכט פאר זייער א גרויסע שר
- ❑ ער האט אים איינגעשפארט אין תפיסה
- ❑ ער האט אים מער נישט געלאזט זיין א איד בפרהסיא

**י. וואס האט דער מלך געזען אין חלום?**
- ❑ אז א אקס און א קו לאכן פון אים
- ❑ אז זיינע שרים לאכן פון אים
- ❑ אז א אקס און א לעמעלע פון די מזלות לאכן אים אויס

**יא. מיט וועמען איז דער מלך אהין געגאנגען?**
- ❑ אליין
- ❑ מיט זיין ווייב און קינדער
- ❑ מיט זיין ווייב און קינדער און אויך דער חכם

**יב. אויף וואס איז ממונה דער מלאך וואס שטייט אינמיטן וועג?**
- ❑ אויף כעס
- ❑ אויף גאוה
- ❑ אויף שקר

**יג. וועלכער וועג האט זיי דער מלאך געהייסן גיין ?**
- ❑ אין דער וועג פון ליים
- ❑ אין דער וועג וואס איז פול מיט גרובער
- ❑ אין דער וועג פון דעם פייער

**יד. וועמען האבן זיי דארטן געזען גיין?**
- ❑ מלכים און אידן אנגעטון טלית און תפילין
- ❑ מלכים און שרים
- ❑ מלכים מיט אידן אנוסים

**טו. ווער איז ווייטער געגאנגען אין דעם וועג?**
- ❑ דער מלך מיט דער חכם
- ❑ נאר דער מלך
- ❑ דער מלך מיט זיינע קינדער

**טז. ווער איז פארברענט געווארן?**
- ❑ דער מלך מיט דער חכם
- ❑ נאר דער מלך
- ❑ דער מלך מיט זיינע קינדער

**יז. וואס האט באמת געמיינט די אקס און לעמעלע?**
- ❑ ער זאל הרג'ענען אלע אקסן און לעמעלעך
- ❑ ער זאל פארטרייבן אלע אקסן און לעמעלעך
- ❑ אז וויל ער לאזט נישט אנטון טלית און תפלין וואס מען מאכט פון א אקס און א לעמעלע וועט ער פארשניטן ווערן

**יח. אין וועלכער קאפיטל איז מרומז די מעשה?**
- ❑ קאפיטל ב' פון תהלים
- ❑ קאפיטל ג' פון ישעי'
- ❑ קאפיטל נ' פון תהלים

**מיין כבוד איז, אז איך זאל מעגן זיין א איד בפרהסיא - מיט פיל הצלחה**

די סיפורי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט זענען קודש קדשים, זיין כוונה איז געווען אונז צו אויפוועקן פון טיפן שלאף, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז "די סיפורי מעשיות זענען מסוגל צו אויפוועקן פון שלאף.

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אין יעדע ווארט פון די הייליגע מעשיות זענען באהאלטן סודות התורה, און אפילו א פשוטער מענטש וואס וועט עס לערנען, קען ארויס נעמען פון דעם מוסר און התעוררות צו השם יתברך.

צו מאכן די בחינה און אריין גיין אין גורל רוף די טעלעפאן ליין 02-5-3333-72 - ארה"ב 646-518-1095

בעזרת השי"ת

# ישר כח חברים יקרים!

**בזכות תרומתכם נוכל להמשיך ולהדפיס ולהפיץ את אורו של הצדיק בכל העולם כולו. עדיין אנו רחוקים מהיעד ויש הזדמנות להשתתף במגבית קד' זה כדי שנוכל להמשיך את הקיים ולהוסיף עוד ולהדפיס מדי שבוע אלפי עותקים את הגליונות שנקראים על שם הצדיק**

# "דעם רבינ'ס ליכט" ~ "דעם רבינ'ס מעשיות"



אנו יודעים כמה חשוב ונצרך להעביר לילדינו ולדורות הבאים אחרינו לדעת את דעת רבינו הק' - כמו שאמר רבינו גם **לבניכם תודיעו** את כל התורות והשיחות הנפלאות והנוראות והמעשיות וכיוצא בהם אשר גלה לנו ואמר אז זה הפסוק בהתלהבות גדול כגחלי אש. "והודעתם לבניך ולבני בניך"




טעלעפאן ליין, ווי הונדערטער קינדער זענען איינגעשריבן, א גרויסע צאל פון זיי האלטן מיט יעדע וואך די בחינות און גייען מיט די הייליגע לשונות פון רבי'נס מעשיות אין זייער טאג-טעגליכע לעבן.

**דעם רבינ'ס מעשיות**

מאות גליונות מודפסים בעז"ה מדי שבוע עם מבחנים על הספר הק' ספורי מעשיות של רבינו הק' - כדי שמאות ילדים יוכלו להיבחן מדי שבוע על הספר הק' זה.



כרטיסים מיוחדים עם תמונות נפלאות על מאמרים ושיחות של רבינו הק' מוגשים ומומחשים לצעירי הצאן, הכרטיסים יודפסו שוב בעז"ה ויחולק בת"ת ובבתי מדרש של אנ"ש, כדי שילדינו ילכו עם התורות והשיחות בכל עת.

**דעם רבינ'ס ליכט**



ווערט געשריבן; איבערגעקוקט; ניקוד; דעזיינט; געדריקט דורך עטליכע אינגעלייט מאנ"ש וועלכע געבן אוועק זייערע טייערע צייט וואך איין וואך אויס, להפיץ דעת רבינו בעולם.





**חברים יקרים!**

**כדי שנוכל להמשיך מפעל קד' זה, אנו חייבים את עזרתכם - כדי שנוכל לכסות את החובות וגם נוכל להמשיך להדפיס ולהפיץ את דעת רבינו הק' לילדינו היקרים, אנא השתתפו בעין יפה עבור מגבית קדוש זה ותתברכו בכל הברכות ובכל הישועות:**

**תתקשר: 8# 02-5-3333-72**

**לתרום בנדרים פלוס: "דעם רבינ'ס ווינקל"**

פעם אחת אמר רבינו:

**אצל מי שאני לוקח ומקבל ממון וכיוצא, אני נותן לו. כי בזה שאני מקבל אני נותן.**

ר' נתן אמר לפני פטירתו:

**יפוצו מעינותיך חוצה, תהי' חזקים בממון, ברצון ובטרחה.**